גוט **שבת אלע אידן.** ״ענ.סי.עס.ווײַ״ (N.C.S.Y) איז איינע פון די גרעסטע קירוב אורגאנעזאציעס אין אמעריקע. די עיקר וועג ווי אזוי יענע מוסד ארבעט איז דורך מאכן לעבעדיגע שבתונ׳ען פאר פרייע יונגלעך און בחורים. אמאל עטליכע יארן צוריק, האט א פרייע פרוי געברענגט אירע צען יעריגער זון ״שמואל״ (זיין עכטע נאמען) צו א שבתון אין די ניו יארק געגענט. דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס דער יונגעל האט געזען וואס מיינט שבת. די מאמע האט אריינגעברענגט אירע זון צום שבתון און אים פארגעשטעלט צו דעם מנהל פונעם שבתון, א געוויסער רב ניסל. רב ניסל האט זייער שטארק ווארעם אויפגענומען שמואל. דאן איז די מאמע אוועקגעגאנגען לאזענדיק דעם יונגעל צו זיין שבת דארט ביים שבתון.

שמואל האט זייער שטארק הנאה געהאט פון דעם שבתון. זיי האבן געזאגט שיינע דברי תורה, און זיי האבן געזינגען און געטאנצען און געגעסן פיינע עסן לכבוד שבת קודש. נאך די ערשטע שבת, וואס איז געווען זיין ערשטע שבת וואס ער האט געהיטן, האט שמואל זיך ב״ה אפגעמאכט אז ער וויל ווערן פרום. זיינע עלטערן וואס זענען נאכאלץ פריי געווען האבן אים נישט קעגענגעשטעלט. נאר, זיי האבן אים זייער שטארק געהאלפן. א שטיק צייט שפעטער איז שמואל ב״ה געגאנגען לערנען אין א חדר און נאכדעם אין ישיבה. ער האט געלערנט אין ישיבה בערך 6–7 יאר. נאכדעם איז ער געגאנגען לערנען אין אן אנדערע ישיבה אין ארץ ישראל. דערנאך איז ער געווארן א חתן, דער מחותן איז געקומען פון בני ברק. דאס איז געווען בערך צען יאר נאכדעם וואס ער איז געווארן א בעל תשובה.

אפאר טעג נאכדעם וואס ער איז געווארן א חתן, האט שמואל געטראפן רב ניסל, דער רב פון דעם שבתון פון יארן פריער, אויפן גאס אין ירושלים. שמואל האט אייביג געהאלטן א שטארקע קשר מיט רב ניסל דורך אלע יארן. יעצט האט רב ניסל שוין אויך געוואוינט אין א״י.

״מזל טוב, מזל טוב! בשעה טובה ומוצלחת... איך האב געהערט די גוטע בשורה!״ האט רב ניסל געזאגט צו זיין תלמיד. די צוויי האבן זיך געשמועסט אויפן גאס אפאר מינוט, רעדענדיק וועגן שמואל׳ס פלענער צו לערנען אין כולל נאך די חתונה, וכו׳. רב ניסל האט זיך געקוועלט מיט אידישע נחת. דא אין פראנט פון זיין אויגען איז געשטאנען א בן תורה. רב ניסל האט זיך דערמאנט ווען דער יונגעל שמואל איז געקומען צו דעם ערשטע שבתון. רב ניסל האט זיך געפרייט אז ער האט געהאט א חלק אין דער גרויסע מצוה פון מקרב זיין דעם בחור.

״זאג מיר עפעס,״ האט רב ניסל אנגעפאנגען צו פרעגן שמואל. ״איך האב געוואלט דיך פרעגן שוין יארן לאנג. איך קוקט אויף דיר און איך זעה ווי דו ביסט ב״ה געווארן א חשוב׳ער בחור, א מתמיד ב״ה. אבער איך האב זיך אייביג געוואונדערט ווי אזוי עס איז געשען. איך מיין... דו ביסט אויפגעוואקסן אין א פרייע משפחה, און מען זעט ב״ה וואו ווייט ביסטו אנגעקומען, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן. ווי אזוי איז עס געשען? ווי אזוי האבן דיינע עלטערן מסכים געווען דערצו?״

״רב ניסל, איך וויל דיך איינלאדענען צו איינע פון מיינע שבע ברכות, און דארט גיי איך דערציילן מיין מעשה ווי אזוי מיין עלטערן האבן מיך געהאלפן.״

עטליכע חדשים שפעטער, איז רב ניסן טאקע געקומען צו די שבע ברכות. דער חתן האט זיך אויפגעשטעלט און ער האט אנגעפאנגען צו דערציילן זיינע מעשה:

״ווען מיין עלטערן האבן חתונה געהאט, זענען זיי נישט געווען פרום. זיי האבן נישט געוואוסט אסאך וועגן אידישקייט. עס איז נישט געווען נעבאך קיין שבת אדער יום טוב אינדערהיים. נאר אין יום הקדוש זענען זיי געגאנגען אין שול. אבער, מיין עלטערן האבן זיך מיטגעמאכט מיט א שווערע פרשה וואס האט זיי געברענגט נענטער צום אידישקייט. פונף יאר נאך די חתונה זענען מיינע עלטערן נאך נישט געבענטשט געווארן מיט קינדער, ל״ע.

איין טאג, האט מיין מאמע אנגעפאנגען צו גיין אין שול שבת, ווייל זי האט געוואלט דאווענען! אזוי פיל האט זי פארשטאנען פון אידישקייט, אז טאמער זי וועט מתפלל זיין פאר א קינד, וועט דער אייבערשטער אפשר הערן אירע תפילות. איין שבת, ווען זי איז געזיצען אין עזרת נשים, האט דער רב געזאגט א דרשה אויף דער כח פון תפילה. דער רב האט גערעדט וועגן אלקנה און חנה. מיין מאמע האט געהערט אז חנה האט צוגעזאגט דעם אייבערשטען אז טאמער ער וועט איר בענטשן מיט א זון, וועט חנה איבערגעבן דעם זון אינגאנצען צו עבודת השם. מיין מאמע האט דאס צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. מיין מאמע איז שטארק נתרגש געווארן צו הערן ווי אזוי חנה איז זוכה געווען צו האבן א זון וואס זי האט גערופן ״שמואל״ וואס איז געווארן דער צדיק שמואל הנביא.

ווען מיין מאמע איז געזיצען דארט אין שול הערנדיק דעם מעשה, האט זי געטראכט אז אירע מצב איז ענליך געווען צו חנה׳ס מצב. מיין מאמע האט אנגעפאנגען צו וויינען שטארק. און זי האט צוגעזאגט אויפן פלאץ אז טאמער דער אייבערשטער וועט איר בענטשן מיט א זון, וועט זי איבערגעבן דעם קינד אינגאנצען צו עבודת השם....

״ביז א יאר שפעטער בין איך געבוירן געווארן, און מיינע עלטערען האבן מיך געגעבן דעם נאמען ״שמואל.״ מיין מאמע האט געוואלט מקיים זיין אירע ״נדר,״ דערפאר האט זי אפגעמאכט אז זי גייט מיך ערציען אלץ פרומער איד. אבער, וויבאלד אז מיינע עלטערן האבן נישט געוואוסט די אלף בית פון אידישקייט, האט מיין מאמע נישט געוואוסט ווי מען זאל אנפאנגען. סוף כל סוף, ווען איך בין געווען צען יאר אלט, איז מיין מאמע געוואר געווארן וועגן דעם ענ.סי.עס.ווײ׳ס שבתונ׳ען. און דערנאך האט זי מיך געברענגט צום שבתון אזוי ווי חנה האט געברענגט אירע שמואל צו עלי הכהן. מיינע עלטערן, בפרט מיין מאמע האבן מיר געהאלפן אלע יארן צו ווערן פרום און צו וואקסן אין תורה. און ב״ה צוביסלעך איבער די יארן זענען זיי אויך געווארן פרום!

״יעצט אז מיר פאנגען אן אונזער נייע לעבן צוזאמען, בעט איך פונעם רבונו של עולם אז ער זאל מיך העלפן צו קענען מקיים זיין מיין מאמע׳ס הבטחה צו קענען איבערגעבען מיין לעבן אינגאנצען צום אייבערשטען.

אין די היינטיגע פרשה לערנט מען וועגן דעם חלום וואס יעקב אבינו ע״ה האט גע׳חלמ׳ט אויפ׳ן וועג קיין חרן. אין חלום האט יעקב אבינו ע״ה געזען א לייטער. די ספרים הקדושים זענען מסביר אז דער לייטער איז מרמז אויפ׳ן ציל פון א איד, ד״ה צו שטייגען אייביג העכער און העכער אין דעם לעבן כדי צו דערגרייכען צום הימעל. ד״ה, א איד דארף שטענדיג פראבירן זיך צו בעסערן אין ענייני רוחניות. מען זעט די בחינה אין דעם מעשה, וועגן די בעלי תשובה, וואס האבן געטוישט זייערע וועג אין לעבן כדי צו שטייגען העכער און צו ווערן נענטער צו זיין טאט׳ן אין הימעל. איז לאמיר אלע זיך נתעורר ווערן פון דעם מורא׳דיגען מעשה, וואס האט אונז געוויזן ווי אידן האבן געשטיגן אויף די רוחניות׳דיגע לייטער אין לעבן. **גוט שבת אלע אידן.**

**<u>מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת לידת נכדתו לבנו הרה״צ רבי אהרן מענדל שליט״א בשעטומ״צ</u>**
מזל טוב לבעלי השמחה מוה״ר ר׳ ברוך אייזענבערג שליט״א, מוה״ר ר׳ אברהם צבי אונגער שליט״א,
מוה״ר ר׳ יעקב יוסף טויב שליט״א, מוה״ר ר׳ אהרן יוסף ראזענפעלד שליט״א לרגל שמחת נשואי בניהם בשעטומ״צ
נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים.
**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)**
**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: ״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (פר׳ תרומה קלא:)**